**גאווערנער קעטי האקול** **איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/8/2023

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל צו עפענען א פראגראם פאר מיטארבעט ארום דעם נושא פון די השפעה פון מעדיצינישע באהאנדלונגען אויף אינטערסעקס מענטשן**

***ביל S.5399/A.5627 פאדערט אויף די DOH צו ארבעטן צו אנקומען צו אינטערסעקס מענטשן, אינטערסעקס-אנגעפירטע ארגאניזאציעס און זייערע אויסדערוועהלטע שתדלנים***

***גאווערנער שרייבט אונטער לאנד'ס-ערשטע ביל שטייענדיג אום 'אינטערסעקס טאג פון סאלידאריטעט', א גלאבאלער טאג פון אויפמערקזאמקייט איבער די אינטערסעקס קאמיוניטי***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן ביל S.5399/A.5627 וואס פאדערט אויף די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט (Department of Health, DOH) צו אפהאלטן אן עפנטליכע אינפארמאציע און מיטארבעט קאמפיין איבער דעם נושא פון מעדיציניש-אומנויטיגע באהאנדלונגען וואס ווערן געגעבן פאר אינטערסעקס מענטשן (דאס הייסט מענטשן וואס ווערן געבוירן אלס טמטום אדער אנדרוגינוס און דאס גלייכן). די גאווערנער האט אונטערגעשריבן די ביל – דער ערשטער סטעיט-ברייטער געזעץ פון די סארט אין די פאראייניגטע שטאטן – שטייענדיג אויפן 'אינטערסעקס טאג פון סאלידאריטעט', א טאג פון אויפמערקזאמקייט איבער אינטערסעקס מענטשן און די אייגנארטיגע שוועריגקייטן וואס זיי שטייען אויס.

"אזוי ווי מיר האלטן אפ דעם 'אינטערסעקס טאג פון סאלידאריטעט', בין איך שטאלץ צו אונטערשרייבן די נייע ביל וואס שטיצט און הייבט אונטער די קאמיוניטי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״עס קומט זיך פאר יעדן מענטש אין ניו יארק צו באהאנדלט ווערן מיט כבוד און רעספעקט דורך אונזער מעדיצינישע סיסטעם, און באזונדערס אונזערע קינדער. דער נייער געזעץ איז א באדייטנדע טריט אויף פאראויס צו פארמערן די באקאנטשאפט מיט די אינטערסעקס קאמיוניטי און זיכער מאכן אז זיי באקומען טויגליכע און מיטפילנדע מעדיצינישע קעיר."

ביל S.5399/A.5627 ציהלט צו רעדוצירן די שאדן וואס ווערט פאראורזאכט דורך אומנויטיגע באהאנדלונגען וואס אינטערסעקס יונגווארג קענען אריבערגעפירט ווערן כדי זיי צו מאכן "אריינפאסן" אין איינס פון צוויי קאטעגאריעס: מענער אדער פרויען. די קאמפיין וועט אויך דינען צו פארמערן די באקאנטשאפט מיט די נאטורליכע עקזיסטענץ פון מענטשן וואס ווערן געבוירן מיט אינטערסעקס אייגנשאפטן און איבער די סכנות וואס באגלייטן מעדיצינישע פראצעדורן – עמערדזשענסי און נישט עמערדזשענסי – וואס זענען רעקאמענדירט פאר זיי.

**סטעיט סענאטאר ברעד האָילמאן-סיגעל האט געזאגט,** "א געשאצטע 400,000 ניו יארקער האבן אינטערסעקס אייגנשאפטן — דאס הייסט נאטורליכע ענדערונגען פון די סעקסועלע אייגנשאפטן. אנדערש פון די אפטע פארשטאנד, איז נישטא קיינע באווייזן אז כירורגישע אפעראציעס צו 'פאררעכטן' בעיביס וואס ווערן געבוירן אינטערסעקס בענעפיטירן קינדער אין סיי וועלכע וועג. אין פאקט קומען די

מעדיציניש-אומנויטיגע אפעראציעס מיט א הויפן פון פאטענציאלע נעגאטיווע ווירקונגען מיט וואס עלטערן מוזן זיין באקאנט. איך בין שטאלץ אז היינט, שטייענדיג אויפן 'אינטערסעקס טאג פון סאלידאריטעט', שרייבט גאווערנער האקול אונטער אונזער ביל צוזאמען מיט אסעמבלי מיטגלידערין סירייט וואס וועט אויפפאדערן די העלט דעפארטמענט צו אפהאלטן אן עפנטליכע אינפארמאציע און מיטארבעט קאמפיין איבער אינטערסעקס געזונטהייט. איך בין אזוי דאנקבאר פאר סענאט מאיאריטעט פירערין סטוּערט-קאזינס, אסעמבלי מיטגלידערין סירייט, NYCLU, New Pride Agenda און InterACT פאר זייער שטיצע פון די קריטישע ביל."

**אסעמבלי מיטגלידערין רעבעקא סירייט האט געזאגט,** "איך לויב אויס גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די ביל וואס איך האב געספאנסארט צו אויפקלערן נייע עלטערן איבער די אומנויטיגע און אפט-שעדליכע אפעראציעס וואס ווערן דורכגעפירט אויף בעיביס און יונגע קינדער וואס ווערן געבוירן אינטערסעקס. די אויפקלערונג וועט זיין וויכטיג צו העלפן עלטערן פארשטיין אז אפעראציעס זענען פאר אייביג און אז זיי קענען האבן פיזישע און פסיכאלאגישע השפעות וואס קענען נישט צוריקגעדרייט ווערן. מיר זענען שטאלץ צו האבן געארבעט פון די נאענט מיט באטראפענע קאמיוניטיס, אריינרעכענענדיג InterACT, א נאָן-פראפיט ארגאניזאציע וואס באנוצט זיך מיט שפעפערישע סטראטעגיעס צו שתדל'ן פאר די לעגאלע און מענטשליכע רעכטן פון קינדער מיט אינטערסעקס אייגנשאפטן. די NYS העלט דעפארטמענט וועט אויפגעפאדערט ווערן זיך צו דורכרעדן מיט אינטערסעקס מענטשן און שתדלנים ביים אנטוויקלען די וויכטיגע געזונטהייט אינפארמאציע מאטעריאלן."

**interACT: Advocates for Intersex Youth עקזעקיוטיוו דירעקטארין, עריקע לארשבאו, האט געזאגט,** "היינט מאכט גאווערנער האקול ניו יארק פאר די ערשטע סטעיט אינעם לאנד צו ארויסקומען מיט אן אויפקלערונג קאמפיין וואס נעמט אינפארמאציע פון די קאמיוניטי אליין איבער די איבערלעבענישן פון אינטערסעקס יונגווארג און די השפעות פון זיי אריבערפירן מעדיצינישע פראצעדורן אן זייער צושטימונג און אפט אומנויטיג אין זייערע פריע קינדער יארן. אלס שטאלצע שתדלנים פאר קינדער און יונגע מענטשן מיט אינטערסעקס אייגנשאפטן, זענען מיר, ביי interACT, אזוי דאנקבאר פאר סענאטאר האָילמאן און אסעמבלי מיטגלידערין סירייט פארן שטופן די ביל און פאר די גאווערנער פארן עס אריבערפירן. נאוועמבער 8 איז א גלאבאלע 'אינטערסעקס טאג פון סאלידאריטעט און אנדענק'; היינט געדענקען מיר די געראנגלען פון אינטערסעקס מענטשן ארום די וועלט פאר זעלבסטשטענדיגקייט און פאר זייער רעכט צו מאכן באשלוסן פאר זיך אליין, און מיר פייערן די אויסדרוק פון סאלידאריטעט דורך אונזערע שותפים אין ניו יארק וועלכע ארבעטן צו פארמערן די באקאנטשאפט מיט- און באעהרן די מענטשן רעכטן פון קינדער מיט אינטערסעקס אייגנשאפטן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן